יודן! מיט דיין נתינה פערענדיגסטו די אקציע של תורה אין פוילען!

המתחיל במצוה...

(ארום דער ערלויבעניש איינצוארדנען כשר'ע קיכען פאר יודישע זעלנער.)

יאהרען-לאנג האבען געדויערט די אינטערווענצען, יאהרען-לאנג האבען זיך געצויגען די השתדלות'ן און בעמיהונגען — און דער רעזולטאט איז דערגרייכט געווארען.

פון מיניסטעריום צו מיניסטעריום, פון דעפוטאט צו דעפוטאט איז ער, אונזער ליעבער אונערמידליכער דעפוטאט קירשברוין, געגאנגען און אינטערוועניערט, משתדל געווען און זיך בעמיהט — און, פארלאמענטאריש זיך אויסגעדריקט, אויסגעקעמפט דאס, וואס די קאנסטיטוציע גיעט אונז:

דאס קריעגס-מיניסטעריום האט ארויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג, לויט וועלכער אַלע יודישע קהלות אין יעדער שטאדט און שטעדטעל דיענט דאס רעכט איינצוארדנען כשר'ע קיכען פאר די יודישע זעלנער, בעקומענדיג דערויף די ענטשפרעכענדע געלד-מיטלען פון דעם אָרטיגען גאַרניזאן.

געזעצליך זענען מיר אלזא אין בעסטען ארדנונג. די קאנסטיטוציע-רעכט איז אויף אַ פארלאמענטארישען אופן אויסגעקעמפט געווארען; דאס אליין איז אבער נאך וועניג. דערצו פעהלט נאך איין „קלייניגקייט": דאס געזעץ דארף פערווירקליכט ווערען אין לעבען און— אריין אין קראפט. ארכיון אסופות

פון געזעץ ביז אריין אין קראפט—וואס פאר א ווייטער מרחק ליעגט לײדער צווישען ערשטען און לעצטען, דארט וואו ס'האנדעלט זיך וועגען אונז — יודען...

אמת, דאס געזעץ איז דאָ, די גערעכטע פאדערונגען פון יודישען רעליגיעזען פארשטעהער זענען גענומען געווארען צו קענטעניש, די געפאדערטע ערלויבעניש איז ארויסגעגעבען געווארען — צי האט זי שוין אָבער אויך דערלעבט צו זעהן אומעטום די ליכטיגע שיין?

דער ענטפער — לײדער אַ נעגאטיווער:

אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען פון דער היגער קהלה-פערוואלטונג איז בעשלאסען געווארען צו עפענען אַ כשר'ע קיך פאר די יודישע זעלנער פון היגען גארניזאן. ס'זענען אין צוזאמענהאנג דערמיט געמאכט געווארען אלע נויטיגע הכנות. דער פארזיצענדער פון דער קהלה-פערוואלטונג האט אבגעהאלטען וועגען דעם א רייהע קאנפערענצען מיט דער ארטיגער מיליטער מאכט, און געשאפען האט זיך דער איינדרוק, אז אָט-אָט און די זאך איז ערלעדיגט. ווייזט זיך אבער ביים סאמע סוף ארויס, אז צום בעדויערען איז ביז היינטיגען טאג נאך נישט צוגעשיקט געווארען דער צירקולאר אין היגען גארניזאן, אזוי, אז די גאנצע פראגע פערליערט פערלויפיג איהר אקטואליטעט...

וואס קומט אלזא ארויס דערפון, וואס די אינטערווענצען זענען בעקרוינט געווארען מיט ערפאלג און די השתדלות'ן זענען נישט געגאנגען לאיבוד, — אַז די פעראָרדנונג וואַלגערט זיך נאך יעצט ארום אין פארטפעל פון קריעגס - מיניסטעריום און איז פאר אונז, לײדער, נאך אַ דבר שלא בא לעולם.

ס'ליעגט דעריבער אַ הייליגער חוב אויף דעם ארטאדאקסישען סיים-קלוב, אדאנק וועמענס איניציאטיוו ס'האט זיך איינגעגעבען צו בעקומען די דאַזיגע ערלויבעניש, צו אינטערוועניערען וועגען דער דערמאהנטער פראגע ביי די ענטשפרעכענדע מאכט-ארגאנען.

אין דער ערשטע רייהע ליעגט נאטירליך דער דאזיגער חוב אויף אונזער געשעצטען דעפוטאט קירשברוין, דער מתחיל במצוה, וועלכער האט די גאנצע צייט אזוי פיעל מיה און ארבייט געשאנקען דער דאזיגער העכסט-אָנגעוועהטאגטער פראגע.

די ערשטע ארבייט דארף יעצט זיין — זעהען אז די צירקולארען וועגען דער פעראָרדנונג זאלען צוגעשיקט ווערען צו די בעטרעפענדע מיליטער-ארגאנען אויף דער פראווינץ ווי אַמשנעלסטען.

המתחיל במצוה אומרים לו גמור!

צ—ר.

אויפ'ן וועג פון רעאליזם.

די קאָאַליציע-רעגירונג פון ה' סקושינסקי האט — ווי ס'איז לייכט געווען פאראויסצוזעהן — געפלאצט צוליעב די געגענזעצטע פראגראמאטישע דיפעריצירונגען איבערהויפט אויפ'ן ווירטשאפטליכען געביעט צווישען די רעכטע און סאציאליסטען. און הגם אפיציעל פערבלייבט די רעגירונג ביז אנהויב מאַי, געפינט זי זיך דאך פאקטיש שוין אין צושטאנד פון דימיסיע. און ווי ס'געשעהט אין אזעלכע פאלען ווערען פון ביידע זייטען, אזוי פון די רעכטע און צענטרום אין סיים ווי מצד די לינקע מיט די ארויסגעטרעטענע פ. פ. ס. בראש — געמאכט בעמיהונגען צו געווינען שטימען אין סיים פאר זייער ווירטשאפטליכען סאנאציע-פראגראם. ביי די דאזיגע אונטערהאנדלונגען ווערט שוין צום צווייטען מאל גענומען אין בעטראכט דאס יודישע קאלא, וועלכע שטעהט דעריבער פאר זעהר ערנסטע פראגען.

נאטירליך ליגט נישט די ערנסטקייט און די פערשיעדענע נישט אויפריכטיג-געמיינטע פארשלאגען וועגען א יודישען פינאנס-מיניסטער, אויף וואס ס'איז נאך זאגאר פריה-צייטיג צו געבען אונזערע אָבזאג...

די ערנסטקייט ליגט אין אויסוועהלען וואס די „קאלא" קאן איצט מאכען- ביים פערבינדען זיך אדער ביז אַ געוויסע מאס מיט די רעכטע דורך שטיצען אדער ארויסווייזען וועניגסטענס א גינסטיגע נייטראליטעט צום ווירטשאפטליכען סאנאציע-פראגראם נאטירליך פאר'ן פרייז פון בעפרידיגען די עלעמענטארסטע יודישע פאדערונגען פון דער רעכטער רעגירונג, אדער געהן צוזאמען מיט די לינקע גרופירונגען וואס הייסט אנגאזשירען זיך אין אויסגעארבייטען פראיעקט פון די פ. פ. ס. צוליעב וועלכען די קאָאַליציע רעגירונג איז דעקאמפליטירט געווארען, וואס וואלט אויך געדיענט אלס גרונד-באזע פאר דער קומענדער רעגירונג אדער — וואס איז העכסט וואהרשיינליכער אלס שטיץ-פונקט פאר דער קומענדער אָפאזיציע.

ביי די פערהעלטענישען וועלכע הערשען היינט צו טאג אין יודישען „קאלא" — ווען אין דער שפיץ פון „קאלא" שטעהן געגען פאקטישען ווילען פון דער מעהרהייט ראדיקאלע פאליטיקער פון ה' גרינבוימס חדר, וועלכע זארגען מעהר פאר דעם שיינעם עפעקט פון אפאזיציאנעלער ארויסטרעטונגען ווי פאר דעם פראקטישען נוצען וואס קען דורך דעם דערגרייכט ווערען — איז פערהאן א גרונד צו ווארענען די דאזיגע הערען נישט צו ווערען פערשיכור'ט פון דער מאניע צו שפיעלען די ראלע פון אפאזיציע און אפשר אויך א שארפע אפאזיציע, אונאבהענגיג פון איהר פראקטישען נוצען און דעריבער אַ דורכלאזען אלץ וואס פיהרט נישט אויפ'ן דאזיגען וועג.

י. ג.

וויכטיג פאַר אלע לעהרערין פון בית-יעקב.

ס'איז שוין ערשינען דאס אינהאלטס רייכע שעהנע בוך.

„ליליען" פון בעל שם

„ליליען" האט א פארווארט פון שרה שענירער און איז בעשטימט אלס לעזע מאטעריאל פאר יודישע טעכטער בכלל און פאר שילערינס פון „בית-יעקב" בפרט.

פרייז מיט פארטא 35 גר. פאר לעהרערין פון „בית יעקב" וועלכע בעשטעלען מעהר ווי 20 עקז. א געוויסען ראבאט

אדרעס פאר בריעף און געלד:

M. Szwarcman Siedlce,
Warszawska 35.

די וואונדערליכע רעטונג פון מלכות בית דוד

היסטארישע ערצעהלונג.

דאָרא ווערט-געראטעוועט פון טויט.

ווען דארא האט דעם קעניג אין זיין פערלאנג אבגעזאגט, האט ער מיט כעס אויסגערופען:

—דארא, איך וועל דיך לאזען טויטען!

— בעסער דעם טויט, איידער זיין א פרוי פון א מערדער, וואס אין זיינע הענד. קלעבט דאס בלוט פון מיין פאטערס טאכטער.

דער קעניג איז געווארען שניי-ווייס פון כעס.

— פיהרט זי צום טויט! — האט ער אויסגערופען.

אבער דא האט אויפגעפראלט די טיהר און אין זאל האבען זיך אריינגעריסען קעמפער בעדעקט מיט שטויב און בלוט.

— אנטלויף, אה, קעניג! — האבען זיי אויסגערופען —דיין ארמעע איז צוקלאפט, דיין אנפיהרער איז טויט. באלד וועלען זיין דא די אראבער.

דער קעניג איז טויט בלאס געווארען פאר שרעק. געשווינד האט ער געהייסען צוזאמענעמען זיינע טייערע דימאנטען און וואס מעהר געלד, און איז ענטלאפען מיט איינינע געטרייע לייט. אבער די פערכאפטע אוצרות האבען איהם דעם טויט געבראכט. דער קעניג האט זיך בעהאלטען ביי א מילנער, און ווען יענער האט זיך דערוואוסט וואס פאר א גרויסע אוצרות ער פיהרט מיט זיך, איז ער ביינאכט איהם בעפאלען און דער'הרג'ט מיט אלע זיינע לייט. זייערע טויטע קערפער האט ער אין טייך פון מיהל אריינגעווארפען, דאס וואסער האט זיי געשווינד אבגעטראגען אין ים אריין, און קיינער האט אפילו נישט געוואוסט- וואו זיי זענען א הינגעקומען.

די אראבישע ארמעע-פיהרער סאעד איז מיט זיינע לייט אריינגעקומען אין קטעסיפאן אלס זיעגער, וועהרענד בוסתנאי איז מיט זיינע יודישע מחנות אבגעגאנגען צוריק קיין מחוזא.

די בעגעגעניש פון דאָראַ'ן מיט בוסתנאי'ן.

אין מחוזא איז געווען ששון ושמחה, בוסתנאי איז ווידער א היים געקומען און אומגעארעמט זיין זיידען און זיין מוטער. אחאי האט צוריק געפינען זיין יונגע פרוי, פון וועלכער ער איז אבגעריסען געווארען פון אונטער דער חופה, וועהרענד סאעד האט פאלקאם איינגענומען די פערסישע מלוכה און געצוואונגען אלע פערסער אבצוזאגען זיך פון זייער געצענדיענעריי און אננעמען דעם מחמדאנישען גלויבען, איז געקומען פון מעדינא א שליח פון קאליף אמאר, וועלכער האט ערקלעהרט, אז ער גיעט די יודען פאלקאמע רעליגיאנס-פרייהייט און בעשטימט בוסתנאי'ן פאר א נשיא און א ריש גלותא ביי יודען. די ישיובת פון סירא און פומבדותא האבען זיך ווידערגעעפענט און די יודישע יונגע תלמודי חכמים האבען אנגעהויבען קומען א הין צאהל-רייך. דער גרייז-גראהער רבי חפני האט ווידער אנגעהויבען זאגען זיינע שיעורים. בוסתנאי האט בעשטימט זיין חבר אחאי אלס רבי און פיהרער פון די ישביה אין נרדעי שפעטער איז דער גאון אחאי שטארק מפורסם געווארען מיט זיין בעוואוסטען ספר „שאלתות".

בשעת סאעד האט זיך אריינגעצויגען קיין קטעסיפאן האט ער זיך דערוואוסט, אז דארט געפינט זיך די פרינצעסין דארא, ער האט בעפוילען, אז מען זאל איהר בעהאנדלען מיט'ן גרעסטען כבוד. יעצט האט סאעד געמוזט געהען ווייטער, כדי איינצונעהמען אלע פערסישע פראווינצען פאר'ן מחמדאנישען גלויבען. דערביי האט ער ערקלערט, אז ווען ער וועט צוריק קומען, וועט ער ענטשיידען וועגען דארא'ס שיקזאל.

נאכדעם ווי סאעד האט גאנץ פערסיען איינגענומען לטובת די כאליפען איז ער צוריק געקומען קיין קטעסיפאן, כדי צו פיהרען פון דארט זיין העלדישע ארמעע קיין עגיפטען. איידער אבער ער האט דאס לאנד פערלאזען, האט ער געמאכט א וויזיט זיין פריינד בוסתנאי אין מחוזא און האט איהם געוואלט אבגעבען זיין חלק אינם גרויסען שלל פון דער מלחמה.

און ווען בוסתנאי האט נישט געוואלט נעהמען דאס גאלד האט איהם סאעד ערקלערט — נעהם דו וועסט עס ברויכען כדי צו בעצאהלען דיינע יודישע קעמפפער און צו העלפען די פעראָרימטע פאמיליעס, וועלכע זענען שטארק דערדריקט געווארען דורך די גרויסע פערסישע שטייערן פון די לעצטע מלכים. דאך אויך פאר דיר, בוסתנאי, האב איך עט-וואס געבראכט אזעלכעס וואס דו וועסט צופרידען זיין.

אויף א וואונק פון ארמעע אנפיהרער האט מען אריינגעפיהרט א פערשלייערט פרויען-צימער.

דאס איז א געפאנגענע — האט סאעד געזאגט — און איך האב זי בעשטימט פאר דיר. זי איז דיין שקלאַווין.

די שקלאווין האט אבגעדעקט דעם שלייער פון איהר פנים.

— דארא ! האט בוסתנאי אויסגערופען.

ענדע קומט.